בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## יִתְרוֹ

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**אז מען נעמט דעם רבינ׳ס זאך ערנסט איז מען זוכה צו זייער שיינע זאכן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת בשלח, ז׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ווארט נישט אויף פרייטאג אדער שבת צו מעביר סדרה זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, נאר הייב שוין אן פון זונטאג צו לערנען חומש רש״י מיטן תרגום ביז שני, מאנטאג זאלסטו גיין ווייטער ביז שלישי און אזוי ווייטער, אזוי אז ביז סוף וואך וועסטו האבן געענדיגט די גאנצע סדרה.

עס איז גאר אן אנדערע זאך ווען מען לערנט יעדן טאג חומש רש״י; דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״א איד דארף לעבן מיט דער צייט״; דאס הייסט מען דארף לעבן מיט די וואכעדיגע פרשה. יעדן טאג לערנען אביסל חומש רש״י און ארויס נעמען פון דעם התחזקות אנצוגיין מיט׳ן לעבן.

אויך זאלסטו זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג אפאר פרקים משניות; משניות רייניגט דעם מענטש פון אלע שלעכט׳ס און עס ברענגט אים צו די גרעסטע מדריגות. דער הייליגער בית יוסף האט זוכה געווען אז א מגיד פון הימל פלעגט קומען צו אים לערנען תורה נאר בזכות וואס ער פלעגט לערנען אסאך פרקים משניות, ער פלעגט לערנען פערציג פופציג פרקים משניות אויף איין מאל, נאכדעם פלעגט דער מאלך קומען צו אים לערנען מיט אים תורה - אלעס בזכות משניות.

ברודער טייערער, אנטלויף פון מחלוקת! עס איז נישט דא נאך אזאך וואס איז אזוי פארפיינטעט ביים אייבערשטן ווי מחלוקת; בפרט צווישן אונז תלמידי היכל הקודש וואס מיר זענען געקומען צו דעם פלאץ נאר פאר איין סיבה, אז דער רבי זאל אונז היילן פון אונזערע חלאים רעים וכו׳ וכו׳ דארפן מיר זייער אכטונג געבן נישט זיך צו לאזן פארפירן פונעם ס״מ וואס וויל אויסרייסן דעם מענטש און אים צונעמען די וועלט און יענע וועלט.

מיר דארפן מקיים זיין וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס עס וועט זיין צווישן אייך; דאס איז וואס מוהרא״ש פלעגט שטענדיג חזר׳ן און זיך בעטן ביי אונז, און דאס איז וואס איך האב צוגעזאגט פאר מוהרא״ש, און אויף דעם וועל איך זיך מוסר נפש זיין - אז עס זאל זיין דא ביי אונז ריינע ד׳ אמות.

אז דו ווילסט מיר מחי׳ זיין זאלסטו מיר דערציילן נאך א סיום און נאך א סיום וואס דו ביסט מסיים; נעכטן נאכט מוצאי שבת קודש ביי סעודת מלוה מלכה זענען מיר געזיצן אינאיינעם בחורים און יונגעלייט, יעדער איינער האט דערציילט וואס ער האט זוכה געווען צו באקומען דורך דעם הייליגן רבי׳ן. עס איז געקומען צו פארן א איד פון ענגלאנד צו זיין א שבת אין היכל הקודש, ער האט מסיים געווען ביי מלוה מלכה משניות מיט מסכת סוכה מיט אזא שמחה און פרישקייט ווי א יונגע בר מצוה בחור׳ל וואס הייבט יעצט אן זיין לעבן; א בחור האט מסיים געווען די זיבעטע מאל משניות, ער האט געזאגט אז פאר ער האט זיך דערוויסט פונעם רבי׳ן האט ער קיינמאל נישט געלערנט; יעצט שרייבנדיג דעם בריוו קומט מיר אן א מעסעדזש פון א איד וואס האט מסיים געווען מסכת תענית די אכט און פערציגסטע מאל און ששה סדרי משנה די נייך און אכציגסטע מאל, דאס האט מיר געגעבן פרישע כוחות ממשיך צו זיין.

מען זעט פון דעם צו וואס מען קען זוכה זיין אויב מען נעמט אן דעם רבינ׳ס זאך ערנסט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**געב אכטונג אויף דיין לעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת בשלח, ז׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער געב אכטונג אויף דיין לעבן; דו האסט קליינע קינדער אין שטוב און זיי דארפן א טאטע וואס זאל זיי אויפציען. אז דער דאקטער זאגט דיר אז דו האסט דייעביטיס און ער ווארנט דיר דו זאלסט זיך אכטונג געבן נישט צו עסן צוקער וכו׳, איז דאס נישט קיין קינדער שפיל.

אויך זאלסטו זיך פרייליך מאכן מיט אלע כוחות; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך, ״וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ״, און אוועק נעמען פון זיך די עצבות און מרה שחורה מיט אלע כוחות. ״וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, אלע מחלות און קרענק וואס קומען אויפן מענטש קומט נאר צוליב עצבות און מרה שחורה. און דער רבי זאגט ווייטער: ״וְגַם
~~~~~~~~~~~

חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אויך די דאקטורים זענען מודה אז אלע פראבלעמען און קרענק קומען פון נישט זיין פריילי‍ך, און שמחה איז א רפואה פאר אלע קרענק; ווען א מענטש איז פריילי‍ך נעמט ער אוועק פון זיך אלע צרות און יסורים.

דו שרייבסט מיר אז ווייל דו פארלירסט נישט קיין וואג דערפאר פאלסטו אריין אין עצבות ומרה שחורה; פרעג איך דיר, דו טראכסט אז דאס וועט דיר העלפן? דאס וועט דיר נאר ערגער מאכן.

געב אכטונג וואס דו עסט; אפילו שבת און יום טוב ווען מען דארף עסן דארף מען אויך אכטונג געבן אויפן געזונט. די ערשטע זאך און די וויכטיגסטע זאך איז דער געזונט.

פארליר זיך נישט; דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר. מאך אויף דיין מויל און רעד צו אים; גיס זיך אויס דיין הארץ פאר אים וועסטו זען גרויסע ניסים.

איך ווארט צו הערן פון דיר א סיום אויף משניות און אויף דעם רבינ'ס ספרים.

...

~~~~~~~~~~~

**נעם די התחזקות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת בשלח, ז' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו האסט הנאה געהאט צו זיין ביי מיר אויף שבת און דו האסט מיט גענומען מיט דיר אהיים אסאך התחזקות ווייטער ממשיך זיין צו פארשפרייטן די עצות פון רבי'ן אין גאנץ ענגלאנד.

זיי מיר מוחל אז איך בין נישט אנגעקומען זונטאג פארטאגס וכו'; איך האף דאס משלים צו זיין אויפן טעלעפאן.

דער עיקר זאלסטו ארויס נעמען א וועג ווי אזוי זיך מחזק צו זיין אפילו עס גייט איבער אויף דיר שוועריקייטן. איך גיי יעצט אריבער זייער שווערע צייטן וואס נאר דער אייבערשטער ווייסט, עם כל זאת בין איך זיך מחזק און איך פרוביר מחזק צו זיין אנדערע.
~~~~~~~~~~~

דו האסט דאך געזען במשך דעם שבת וויפיל שיעורים איך לערן פאר; פרייטאג צו נאכטס זיצן ביי מיר בחורים ביז שפעט אויף דער נאכט, נאכדעם שבת פארן דאווענען איז דא א שיעור אין ספר פעולת הצדיק, נאכן דאווענען א שיעור אין סיפורי מעשיות, נאכדעם שלש סעודות, נאך מעריב איז דא אבות ובנים, גלייך נאכדעם איז דער שיעור אין א בלאט בבלי און א בלאט ירושלמי, נאכדעם איז סעודת מלוה מלכה ביז שפעט; דאס איז מיט אלעס וואס גייט איבער אויף מיר. קיינער ווייסט נישט וואס גייט אריבער אויף מיר וכו׳, מיט דעם אלעם גיי איך אן מיט אלע כוחות און איך דערהאלט זיך מיט די עצות פון רבי׳ן.

דעם שבת האב איך זייער אסאך געוויינט צום אייבערשטן ער זאל מיר געבן כח ווייטער ממשיך זיין אריין צו ברענגען די עצות פון רבי׳ן אין די גאנצע וועלט; זאלסטו דאס אויך טון. קוק נישט אויף קיינעם, דו זיי ממשיך צו פארשפרייטן די גליונות אין אלע שולן אין לאנדאן; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס הייסט העלפן א איד און אים ארויס שלעפן פון זיינע עבירות, עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי העלפן א צווייטן איד.

איך וועל דיר נאך שרייבן, נאר איך דארף יעצט אריין גיין צו די בחורים, זיי ווארטן אויף מיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון בזיונות; זיך ליב האבן אפילו מען האט אנדערע מיינונגען.**

בעזרת ה׳ יתברך - א׳ פרשת בשלח, ז׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו האסט געהאט זייער א שיינעם שבת; ביי אונז איז ברוך ה׳ געווען זייער א פרייליכע שבת.

שבת אינדערפרי פאר׳ן דאווענען האבן מיר געלערנט פונעם ספר פעולת הצדיק (סימן רטז), וואו עס איז באשריבן די נסיעה פון רבי׳ן קיין ארץ ישראל; ווי דער רבי האט געזאגט אז ער זעט ברוח הקודש אז ער דארף נפטר ווערן אונטערוועגנס אינעם שטאט איסטאנבול, דעריבער האט ער גענומען אויף זיך די בזיונות פון די יונגעלייט וואס האבן אים דארט אזוי שטארק מבזה געווען כדי אראפ צו נעמען פון זיך די גזירה.
~~~~~~~~~~

מיר האבן ארויס גענומען פון די מעשה אז ווען עס גייט אריבער א שווערע נסיון אויפ'ן מענטש, מען האט מחלוקת און בזיונות וכו', דארף מען דאס אננעמען מיט ליבשאפט, ווייל מיט די בזיונות קומט מען אפ אסאך שווערע גזירות חס ושלום.

אויך האבן מיר גערעדט פון דעם וואס די צוויי יונגעלייט האבן אזוי שטארק פארשעמט דעם רבי'ן, און זיי האבן נישט געוויסט בכלל אז דאס איז דער רבי (עיין ספר פעלת הצדיק, סימן ריז). נאר נאכדעם ווען זיי זענען אהיים געפארן האבן זיי אויסגעפונען דורכ'ן עפענען די בריוו פון דעם רבינ'ס תלמיד רבי יצחק אז דער מענטש וועם זיי האבן גערודפ'ט איז דער רבי, זיי האבן זיך זייער דערשראקן, און דער וואס האט דאס מערסטע גע'רודפ'ט דעם רבי'ן איז גלייך נפטר געווארן; האבן מיר אסאך ארום גערעדט אז מען טאר נישט רודפ'ן אדער ווי טון א צווייט'ן איד, ווייל מען קען נישט וויסן אויף א צווייט'ן ווער ער איז און וואס ער טוט דא אויף דער וועלט, און אפילו מען האלט אנדערש איינער פונעם צווייטן טאר מען זיך נישט פיינט האבן. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט פאר דעם יונגערמאן (שם, סימן רי) ווען ער האט געשריגן אויפן רבי'ן: "דו מיזט מיר דערציילן ווער דו ביסט און פארוואס דו פארסט קיין ארץ ישראל; אויב דו וועסט מיר דערציילן וועסטו האבן פון מיר גרויסע טובות", האט אים דער רבי געזאגט: "איך דארף פון דיר נישט קיין שום טובה; אדרבה, דו וועסט פון מיר האבן גרויסע טובות אויב דו ווילסט", און דער רבי האט אים זייער שטארק געבעטן: "איך קען נישט קיינעם אנטפלעקן פארוואס איך פאר קיין ארץ ישראל; בעט איך דיר, אפילו דו ווייסט נישט מיינע כוונות פארוואס איך פאר קיין ארץ ישראל, מיט דעם אלעם: 'מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד (תהלים קלג, א)' וכו'"; האבן מיר גערעדט פון דעם אז אפילו עס איז דא פארשידנארטיגע דעות צווישן אנשי שלומינו דארף מען זיך נישט בייסן און מען טאר זיך נישט ווי טון; בשעת'ן שיעור האב איך געטראכט פון דיר, אז עס איז ממש א שאד אז דו ביסט נישט זוכה צו הערן אזעלכע דיבורים.

איך האף אז דו וועסט זיך שטארקן מיט די צוויי נקודות, איינס אז די בזיונות וכו' וואס דו גייסט אריבער איז נאר פאר דיין טובה כדי דו זאלסט זוכה זיין צו קומען צו גרויסע און שיינע זאכן; צווייטנס, אז "מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד (תהלים קלג, א); אפילו מען האט אנדערע מיינונגען זאל מען זיך ווייטער ליב האבן איינער דעם אנדערן"; אזוי אויך ווען מען טרעפט זיך מיט א איד וואס האט א צווייטער מורה דרך זאל מען נישט אריין גיין אין וויכוחים וכו', ווייל עס איז דא אזויפיל זאכן צו שמועסן וואסביידע האלטן אייניג וכו'.

פאר איך בין מסיים דעם בריוו וויל איך דיר נאך פרעגן איין פערזענליכע פראגע, און איך האף אז דו וועסט זיך נישט באליידיגן: "האסטו היינט געטון עפעס פאר א צווייטן איד, אז נאך א איד זאל וויסן פון די עצות וואס דו ווייסט? האסטו היינט עפעס געטון אז נאך א איד זאל צוריק קומען צום אייבערשטן?"

מאך א גוטע החלטה אז דו הייבסט אן טון פאר אידישע קינדער. מאך די החלטה יעצט ווען מיר שטייען שוין קוים א וואך פאר די יארצייט פון אונזער גרויסער רבי מוהרא"ש זכר צדיק לברכה וואס געפאלט קומענדיגן דינסטאג נאכט.

מיר וועלן אם ירצה ה' מאכן א יארצייט סעודה אין ישיבה פאר אלע תלמידי הישיבה, וואס וועט אויך זיין א 'כינוס המפיצים'; זיך אפצולערנען פון מוהרא"ש וואס האט אוועק געגעבן זיין לעבן פאר אידישע קינדער, אז מיר זאלן דאס נאכטון.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~

**דורך חזר'ן די אמונה איז מען נישט פאר'דאגה'ט און מען איז שטענדיג פרייליך.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בשלח, ח' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב געהערט דיין געשריי ווי דו מוטשעסט זיך אויף פרנסה; נעם אריין אין דיר אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן, איז דאך א שאד צו דאגה'נען.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ד:): "כָּל הָאוֹמֵר 'תְּהִלָּה לְדָוִד' בְּכָל יוֹם שָׁלֹשׁ פְּעָמִים - מֻבְטָח לוֹ שֶׁהוּא בֶּן הָעוֹלָם הַבָּא", ווער עס זאגט דריי מאל א טאג תהלה לדוד איז ער פארזיכערט אז ער איז א בן עולם הבא, ווייל עס גייט לויטן סדר פון די א-ב, און אויך האט עס אין זיך א בקשה אויף פרנסה; לכאורה איז שווער, וואס איז די שייכות אז מען באקומט עולם הבא ווייל מען זאגט דאס לויט די סדר פון די א-ב, אויך איז שווער צו פארשטיין וואס האט צו טון אז ווייל מען דערמאנט פרנסה זאל מען דערפאר באקומען עולם הבא? נאר רבי נתן איז מסביר (ליקוטי הלכות קריאת שמע, הלכה ה, אות יד) אז ווען א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן מיט אלע א-ב, ער דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן און זינגט שירות ותשבחות צו אים, מיט דעם איז ער זוכה צו ווערן א גרויסער צדיק און זוכה זיין צו חיי עולם הבא, ווייל דאס רעדן צום אייבערשטן און אים איבער בעטן אויף אלעס וואס מען האט געטון, מיט דעם ציט מען ארויף אויף זיך א הייליגקייט וואס וועט ממילא ברענגען דעם מענטש לחיי עולם הבא. אזוי אויך,
~~~~~~~~~~~

ווען מען נעמט אריין אין זיך אז פרנסה קומט נאר פונעם אייבערשטן, אזוי ווי מען זאגט "וְאַתָּה" - און דו אייבערשטער, "נוֹתֵן לָהֶם" - גיבסט יעדן איינעם, "אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - זייער עסן אין זיין צייט - דער מענטש איז א בן עולם הבא, עיין שם.

דעריבער בעט איך דיר טייערער ברודער, פארלאז זיך אויפן גרויסן באשעפער. פארוואס זאלסטו זיין אזוי פאר'דאגה'ט? וואס וועט דיר העלפן דאס זארגן? קוק ווי אפגעמוטשעט דו ווערסט ווען דו זארגסט זיך! ענדערש נעם אריין אין זיך די אמונה, חזר זיך די ווערטער וואס מוהרא"ש האט זיך גע'חזר'ט און געמאכט דערויף א ניגון: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", אין אידיש מיינט דאס: "אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער איז אלעס, עס נישט דא קיין שום עקזיסטענץ אן אים, און אין יעדע זאך איז ער באהאלטן". אז דו וועסט זיך איינ'חזר'ן די אמונה וועט דיר גרינגער ווערן; דו וועסט ווערן פרייליך, און אז מען איז פרייליך איז מען סיי ווי מצליח.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**א קאפיטל תהלים פרישט אויף.**

בעזרת ה' יתברך - ב' פרשת בשלח, ח' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

שטארק דיר טייערער ברודער; עס איז נישט עק וועלט, אלעס וועט אריבער גיין.

איך ווייס אז דו גייסט אריבער יעצט א שווערע צייט, מען פרובירט דיר אויס מיט א שווערע נסיון; געדענק אבער וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן (שיחות הר"ן, סימן ש): "אלעס וואס דו זעסט - איז למען הבחירה והנסיון", אלעס איז א פריוו אויס צו פרובירן דעם מענטש צו זען צו וועם ער וועט זיך ווענדן בעת צרה.

נעם מיין עצה וואס איך גיב דיר; נעם א תהילים און זאג איין קאפיטל תהילים, אלעס וועט טוישן. דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תפה): "א גוט קאפיטל תהילים איז אזוי ווי א פאנטש"; ווען א מענטש איז אויסגעטריקנט און אפגעמאטערט נעמט ער א טרינק וואס פרישט אים אויף, אזוי איז א קאפיטל תהילים, עס פרישט אויף דעם מענטש און עס ברענגט אים גרויסע ישועות.

פארגעס נישט צו ליינען קריאת שמע פארן גיין שלאפן; רבי נתן זאגט (ליקוטי הלכות, קריאת שמע שעל המטה, הלכה ב) אז ווען א מענטש ליינט קריאת שמע ביינאכט פאר ער גייט
~~~~~~~~~~

שלאפן און ער איז זיך מתוודה - ״אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ״, איז מען אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~

**מאכן א קביעות צו זאגן דעם ״תיקון הכללי״ יעדן טאג; שטיין ווייט פון לצים.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בשלח, ט׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

זע צו זאגן יעדן טאג נאכן דאווענען דעם ״תיקון הכללי״ - די צען קאפיטלעך תהילים וואס דער רבי האט מגלה געווען פאר א תיקון הברית (קאפיטל - ט״ז, ל״ב, מ״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ).

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן כט) אז דער ״תיקון הכללי״ איז מסוגל פאר פרנסה און פאר אלע ישועות; ווי לאנג נעמט דען צו זאגן צען קאפיטלעך תהילים? דערפאר זאלסטו זיך מאכן א קביעות יעדן טאג נאכן דאווענען צו זאגן דעם תיקון הכללי, און ווען דו קומסט אן צו קאפיטל ע״ז ווען דו זאגסט די ווערטער ״קוֹלִי ׳אֶל אֱלֹקִים׳״ זאלסטו קוקן אויף די אותיות פון די מילוי פון די שמות ״קֵל אֱלֹקִים״ (אל״ף למ״ד, אל״ף למ״ד ה״י יו״ד מ״ם).

זע צו האלטן אין דיין תפילין בייטל א תיקון הכללי - דפוס היכל הקודש וואו עס איז אריין געלייגט די שמות פון ״קֵל אֱלֹקִים״ מיט די מילוי, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן רה) אז מען זאל אינזין האבן די שמות ווען מען זאגט די תיקון הכללי; מוהרא״ש האט דאס געהייסן דרוקן ביי קאפיטל ע״ז ביי די ווערטער ״קוֹלִי אֶל אֱלֹקִים״, אז דארט זאל מען דאס אינזין האבן; דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו פאררעכטן אלעס און האבן פרנסה בניקל.

איך בעט דיר זייער אנטלויף פון ליצנות ווי מען אנטלויפט פונעם מלאך המות! דער מלאך המות קען נישט שאדן מאכן דעם מענטש אזוי שטארק ווי ליצנות קען הרג׳נען דעם מענטש; אלע מחלוקת וואס זענען דא צווישן אידישע קינדער איז נאר פון לצים.

שלמה המלך זאגט (משלי כב, י): ״גָּרֵשׁ לֵץ״, פארטרייב דעם לץ, ״וְיֵצֵא מָדוֹן״, וועסטו פטור ווערן פון אלע קריגערייען; עס איז נישט דא נאך אזא סכנה ווי צו האבן שייכות מיט לצים. ווער איז א לץ? דער וואס רעדט אויף ערליכע אידן; ווען דו הערסט איינעם
~~~~~~~~~~~

רעדן אויף ערליכע אידן זאלסטו אנטלויפן פון אים ווי מען לויפט פונעם טייוול. די וואס שפעטן פון ערליכע אידן זענען בעלי עבירות און גרויסע בעלי גאווה, און ווען עס שטעלן זיך צוזאם די צוויי קעמיקאלן: 'עבירה מיט גאוה' קומט ארויס א 'לץ' - אזוי זאגט שלמה המלך (משלי כא, כד): "זֵד" - דער וואס זינדיגט, "יָהִיר" - און דער וואס האלט זיך גרויס, זיין נאמען איז - "לֵץ שְׁמוֹ", דער איז א לץ; ער וויל נישט נעמען קיין מוסר, דערפאר שפעט ער אפ פון די תורה און פון די ערליכע אידן וואס לערנען אונז די תורה.

אז דו וועסט אריין נעמען די ווערטער אין דיר וועסטו האבן א גוט לעבן בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~~

**רעדן צום אייבערשטן בארואיגט און מאכט גוט פאר'ן מענטש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בשלח, י' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דאס וואס דו ביסט אזוי מבולבל וכו' איז ווייל דו רעדסט נישט צום אייבערשטן. עס שטייט אין פסוק (שמות יד, ג): "נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ" - מען איז פארבלאנדזשעט, ווייל "סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר" - דער 'מְדַבֵּר', דער מויל איז פארמאכט; דאס איז די סיבה פארוואס דו בלאנדזשעסט. הייב אן רעדן צום אייבערשטן וועט דיר גוט ווערן.

לאז דיר אפ פון מענטשן, דו וועסט נאר ווערן אנטוישט און דערביטערט. דער נביא זאגט (ירמיהו יז, ה): "אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם, וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ", פארשאלטן זאל זיין דער וואס פארלאזט זיך אויף א מענטש, "וּמִן ה' יָסוּר לִבּוֹ", און פונעם אייבערשטן קערט ער זיך אפ. "וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה", ער וועט זיין צוגעגליכן צו אן איינצעלנעם בוים אין מדבר, "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבוֹא טוֹב", און ער וועט נישט זען דאס גוטס. ווייל ווען מען פארלאזט זיך אויף מענטשן האט מען גארנישט, מען טרעפט זיך נאכדעם איינער אליינס. "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'", וואויל איז דעם מענטש וואס פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטן, "וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וועט אים דער אייבערשטער העלפן.

פרוביר מיט אלע כוחות צו זיין פרייליך; זוך אויף גוטע נקודות אין דיר אליינס און זיי זיך מחי' דערמיט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קעז): "רָאוּי לָכֶם לִשְׂמֹחַ בִּי, מַה שֶּׁזְּכִיתֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם רַבִּי כָּזֶה", איר דארפט זיך זייער פרייען אז איך בין ענקער רבי; ווי וואלטן מיר געווען אן דעם רבי'ן? ווי וואלטן מיר אויסגעזען אן דעם רבי'ן? מיט דעם אליינס אז מיר האבן אזא רבי דארפן מיר זיך זייער פרייען.
~~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**ווער נישט צעבראכן אז דער שידוך האט זיך נישט אויסגעארבעט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בשלח, י׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

שטארק זיך, דער אייבערשטער איז מיט דיר; ווער נישט צעבראכן אז די מיידל האט געזאגט אז זי וויל נישט גיין ווייטער מיט׳ן שידוך. דו לערן ווייטער פלייסיג די הייליגע תורה און גיי ווייטער ארום מיט א שמייכל וועסטו בקרוב טרעפן דיין באשערטע זיווג.

ווען דעם רבינ׳ס ווייב איז נפטר געווארן און דער רבי איז געווען אין ראדוויל - בעפאר׳ן א שידוך טון מיט זיין צווייטע ווייב - זענען געקומען אסאך פרויען זיך משדך זיין מיט אים, האט דער רבי דעמאלט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תקצה) אז אלע זענען זיינע שידוכים, און יעדער מענטש האט כמה וכמה זיווגים, ביי יעדן איינעם גייט עס אנדערש; אלע שידוכים וואס מען רעדט איז שוין אויך א בחינה פון שידוך, אפילו עס ווערט נישט אויסגעפירט למעשה. קוק דעם לשון פון רבי׳ן: ״וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה״, אמאל פארט מען שוין צום שידוך, מען טרעפט זיך און מען מיינט אז עס גייט שוין ווערן, און צום סוף ווערט עס נישט, דארף מען וויסן אז דאס איז אויך געווען א שידוך.

איך בעט דיר זייער, גיי צוריק אין ישיבה לערנען ווייטער דיינע שיעורים כסדרן, און דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט טרעפן דיין שידוך בקרוב.

...

~~~~~~~~~~

**הערן ניגונים בשעת מען לערנט משניות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בשלח, י׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות ווייטער צו דינען דעם אייבערשטן; איך בין זיך מחי' צו הערן אז דו גייסט שוין מסיים זיין די צווייטע מאל ששה סדרי משנה און אויך אז דו ביסט מעביר סדרה יעדן טאג שנים מקרא ואחד תרגום.

קוק נישט אויף קיינעם און הער נישט צו צו לצים וואס מאכן חוזק פונעם סדר דרך הלימוד; געדענק וואס שלמה המלך זאגט (משלי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; זאגן אויף דעם די הייליגע חכמים (שמות רבה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לָאָדָם?" ווען לאכט די תורה צום מענטש? ווען זעט דער מענטש וואס ער האט געטון אין זיין לעבן? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", ביים לעצטן טאג; דעמאלט נעמט מען אפיר אלע תורה וואס דער מענטש האט געלערנט, אלע פסוקים חומש און פרקים משניות וואס ער האט געלערנט, דעמאלט וועט מען זען וואס איז געווארן פון אלע דפים גמרא. מען וועט אנערקענען די ווארהייט פונעם סדר דרך הלימוד און דאס גרויסקייט פון אלע וואס האבן געפאלגט דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות.

"לאכן, לאכט דער וואס לאכט צום לעצט"; ווען איינער מאכט אוועק דעם רבינ'ס 'סדר דרך הלימוד', ער לאכט און מאכט ליצנות דערפון אז עס הייסט נישט געלערנט וועט ביי אים מקוים ווערן דער פסוק וואס שטייט (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", דאס גייט ארויף אויף א מענטש וואס האט נישט אויסגענוצט זיינע יארן; זיין נשמה קלאגט: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", איך בין אראפ געקומען אויף דער וועלט אנגעפילט מיט כל התורה כולה, אבער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", איך גיי צוריק ליידיג (עיין זוהר חדש, רות), און דער וואס האט געלערנט אויפ'ן סדר דרך הלימוד קומט ארויף פרייליך אנגעפולט מיט כל התורה כולה.

דאס וואס דו פרעגסט צי מען קען הערן ניגונים בשעת מען לערנט משניות; אויב עס וועט דיר העלפן דו זאלסט קענען בעסער זאגן פרקים משניות קענסטו הערן פרייליכע ניגונים.

בנוגע וכו'; געדענק דעם שפריך ווארט: "קוק אויף מיר אבער ריר מיר נישט צו", אז דיין ... האט לויזע הענט וכו' זאלסטו שטיין ווייט פון אים.

בנוגע אז אסאך מאל קלאפסטו ביי מיין טיר און איך ענטפער נישט; דארפסט פארשטיין איך בין זייער פארנומען און איך קען נישט אלץ עפענען ווען מען קלאפט. אבער עס איז דא א טיר, וואס ווען אימער מען קלאפט אויף יענעם טיר עפנט מען אייביג, קלאפ ביים אייבערשטנ'ס טיר. די הייליגע חכמים זאגן (מגילה יב:): מרדכי הצדיק האט געהאט אפאר נעמען "בֶּן יָאִיר" - ער האט ליכטיג געמאכט פאר אידישע קינדער

מיט זיינע תפילות; "בֶּן שִׁמְעִי" - ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און מען האט צוגעהערט זיינע תפילות; "בֶּן קִישׁ" - 'קיש' איז א לשון פון קלאפן, "שֶׁהִקִּישׁ עַל שַׁעֲרֵי רַחֲמִים וְנִפְתְּחוּ לוֹ", ער האט געקלאפט אויף די טירן אויבן אין הימל מען זאל אים עפענען, מען זאל רחמנות האבן אויף די אידן - און מען האט אים געעפנט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זיין ערליך, מיט ערליכע חברים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בשלח, י' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר אז דו חבר'סט זיך נאר מיט מיידלעך וואס רעדן איידל, ווען דו הערסט ווי א מיידל רעדט ניבול פה אדער טעקסט אויפן סעלפאון מיאוס'ע ווערטער הערסטו אויף רעדן מיט איר און דו שרייבסט איר צוריק אז דו ווילסט נישט רעדן מער מיט איר. איך האב איבערגעליינט דיין בריוו אפאר מאל, און איך האב זיך זייער געפריידט צו הערן אז מיר האבן ביי אונז אין 'בית פיגא' הייליגע מיידלעך.

עס איז א גרויס רחמנות אויף די מיידל וואס קוקט מאוויס אונטער די רוקן פון אירע עלטערן; זי מיינט אז זי שפילט אויס אירע עלטערן, דערווייל ווערט זי אליינס אויסגעשפילט און זי וועט זיך מוטשענען אין איר לעבן. ווייל ווען מען קוקט גוי'שע מאוויס שאדט דאס פארן לעבן; דאס ציט נאכדעם צו שמוציגע זאכן וואס זענען א גרויסע סכנה אינעם גשמיות'דיגן לעבן רחמנא לצלן.

איך וואלט דיר פארגעשלאגן זאלסט ווייזן דעם בריוו פאר די מיידל וואס האט דיר דערציילט אז זי האט א לעפטאפ שטילערהייט און זי קוקט דארט מאוויס גאנצעטע נעכט, כדי זי זאל וויסן אז זי טוט זיך אליינס שלעכטס מיט דעם וואס זי קוקט באהאלטענערהייט מאוויס; זי מיינט אז דאס וועט איר פרייליך מאכן אבער עס איז פונקט פארקערט, דאס וועט איר מאכן מער דעפרעסט.

על כל פנים דו שטארק זיך ווייטער צו זיין ערליך און נאר האבן ערליכע חבר'טעס; ברוך השם אז דיין גאנצע קלאס זענען ערליכע מיידלעך, מיט זיי זאלסטו זיך חבר'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**זיי פארנומען מיט דיר, נישט צו פאררעכטן די וועלט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בשלח, י׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

מי שגמלך כל טוב היא יגמלך כל טוב סלה.

דאנק דעם אייבערשטן אויף די נס וואס ער האט דיר געמאכט אז דו ביסט געראטעוועט געווארן פון דעם עקסידענט און זיי אויף זיך מקבל נישט צו טון קיין סכנה׳דיגע זאכן; נאך אביסל וועסטו אם ירצה ה׳ טרעפן דיין זיווג.

איך האף אז דו וועסט מיר פאלגן און נישט מאכן קיין לייסענס צו דרייוון א מאטאר-סייקל; מוהרא״ש איז געווען זייער דערקעגן. דאס איז א גרויסע סכנה און עס לוינט נישט צו איינשטעלן דאס לעבן פאר די קליינע תאוה׳לע.

בנוגע דיין מומע וכו׳; דו שטיי אין דער זייט און מיש זיך נישט אריין. איך בעט דיר ברחמים זאלסט קיינמאל נישט ווי טון א איד. אפילו יענער איז נישט גערעכט, ער וויל נישט געבן קיין גט און ער האט אריין גענארט דיין מומע וכו׳ וכו׳, זאלסטו נישט טון קיין ווילדע זאכן. ווער רעדט נאך אין דעם פאל ווען דאס האט בכלל נישט מיט דיר - זאלסטו זיכער גארנישט טון. אז דו ווילסט העלפן דיין מומע תחי׳ זאלסטו בעטן פאר איר און פאר אלע אידישע קינדער אז קיינער זאל נישט וויסן פון קיין צער און עגמת נפש.

דו האסט דאך שוין טועם געווען פון די אונגארישע וויין נאכדעם וואס דו ביסט מקורב צום רבי׳ן, דארפסטו נעמען די שכל פון רבי׳ן נישט צו זיין פארנומען צו פাররעכטן די וועלט נאר אריין כאפן תורה מצוות ומעשים טובים. נוץ אויס דיינע בחור׳ישע יארן מיט לימוד התורה; זע צו לערנען יעדן טאג ח״י פרקים משניות און אסאך בלעטער גמרא ביז דו וועסט זוכה זיין צו קומען צו ישוב הדעת, צו וויסן אז מיר זענען נישט דא פאר צו לאנג, מיר זענען נאר דא אזוי ווי געסט - וואס באלד קערן מיר זיך שוין צוריק אהיים צום אייבערשטן, איז דאך א שאד צו זיין פארנומען מיט נארישקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**די מתנה "מוהרא"ש" זכר צדיק לברכה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בשלח, י"א שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר פערזענליך איינלאדענען צו די יארצייט סעודה לכבוד מוהרא"ש זכר צדיק לברכה, וואס וועט אם ירצה ה' פארקומען קומענדיגע וואך דינסטאג נאכט אין ישיבה; מיר וועלן זיך מחזק זיין מיט די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אין אונזער דור, אזא ליכטיגקייט - מוהרא"ש זכר צדיק לברכה - וואס האט אונז אויפגעהויבן פון וואו מיר זענען געליגן און אונז צוגעברענגט אז מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן.

אלע דיבורים וואס דו הערסט פון מיר און אלע בריוון וואס דו לייענסט פון מיר - דאס איז אלעס מוהרא"ש; איך אן מוהרא"ש בין גארנישט. די אלע שכל און הקדמות וואס דו האסט געלערנט אין ישיבה דאס אלעס קומט פון מוהרא"ש וואס ער האט דאס גענומען פון הייליגן רבי'ן. אלע בריוון פון 'עצתו אמונה' און פון 'איש אמונות' - דאס איז מוהרא"ש.

די שענסטע זאך וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט מיר איז אז איך האב זיך דערוואוסט פון הייליגן רבי'ן דורך מוהרא"ש זכר צדיק לברכה.

איך האף אז דו וועסט קומען צום יארצייט סעודה, ווייל איך וויל דיר מחזק זיין דו זאלסט אויך ווערן א מפיץ; די יארצייט סעודה וועט זיין א 'כינוס המפיצים', איך פאר נישט קיין ארץ ישראל צום יארצייט נאר צוליב דעם ווייל איך האב א שליחות פון מוהרא"ש צו מחזק זיין די בחורים און יונגעלייט דא אז זיי זאלן אויך עוסק זיין אין הפצה.

אויב דו קענסט פרעגן דיין ווייב תחי' צי זי וויל זיך משתתף זיין מיט'ן מאכן עפעס פאר די סעודה, ווי למשל א קוגל וכדומה; זי קען זיך פארבינדן מיט מרת ... תחי'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**א גרוס פון די סקול.**

בעזרת ה' יתברך - עש"ק פרשת בשלח - שירה, י"ב שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד אונזער חשוב׳ע מנהלת מרת ... תחי׳.**

איך וויל אייך איבער געבן א גריס פון סקול; איך בין נעכטן געוועזן אין סקול, איך ווייס נישט צי עס איז דא אויף דער וועלט נאך אזעלכע מיידלעך, אלע זענען בעלי דרך ארץ, אלע זענען אנגעפולט מיט מידות טובות. ממש מען שפירט דאס אין די לופט; אזא פאזעטיוויקייט, אזא פרייליכקייט, מען שפירט דארט השראת השכינה; עס זעט זיך אן די כוחות וואס איר לייגט אריין אין זיי.

די מיידלעך שרייבן מיר כסדר בריוו אז זיי זאגן תהילים יעדן טאג, זיי שרייבן מיר יעדעס מאל ווען זיי זענען מסיים תהלים. אויך לעבן די מיידלעך מיט תכלית; זיי ווילן אלע חתונה האבן און זיי ווייסן זייער גוט וואס דער לעבן איז. זיי ווייסן אז חבר׳טעס איז נישט דער לעבן, נאר דער לעבן איז חתונה האבן און אויפשטעלן א שיינע דור ערליכע אידן.

ברוך השם די חדר איז אויך זייער גוט, די קינדער לעבן מיט אמונה, די קינדער לעבן מיטן רבינ׳ס עצות; יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי דעם אייבערשטן, אבער ביי די סקול זעט זיך עס מער ארויס, ווייל ווי נישט אין אנדערע חדרים לערנט מען דאך אויך תורה ויראת שמים, עס איז טאקע נישט דאס וואס דער רבי גיבט אונז, אבער מען זעט דאס נישט ארויס פון אינדרויסן. מה שאין כן ווען עס קומט צו די מיידלעך איז דאס איז יחיד במינה, א חידוש שבחידושים. וואו אויף דער וועלט לעבן מיידלעך מיט אמונה? וואו אויף דער וועלט טרעינט מען קינדער זאלן לעבן מיטן אייבערשטן? איך שרייב אייך די בריוו פון גרויס איבעראשונג פון זען און הערן ווי די מיידלעך פירן זיך.

אויך דאנק איך אייך אז איר האט נעכטן נאכט געמאכט א שיעור פאר די ווייבלעך, די תלמידות פון ׳בית פיגא׳; זיי אויסלערנען ווי צו זיין א איבערגעגעבענע ווייב און מאמע וכו׳ וכו׳. יעצט האלטן מיר נאך ביים אנהייב, נאך אביסל וועט זיין אם ירצה ה׳ נאך כלות, וועט איר האבן נאך ווייבלעך מיט וועם צו לערנען די זיסע עצות פון רבי׳ן, ווי מען קען זיך אפלעבן א שיינע לעבן אויף די וועלט ווען מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אין טאג טעגליכן לעבן.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן פרישע כוחות איר זאלט קענען צוריק קומען אין סקול, אלע מיידלעך ווארטן שוין מיט אזא בענקשאפט צו זייער מנהלת.

א גריס פון אייער חשוב׳ער מאן נרו יאיר; ער לערנט אין כולל בהתמדה רבה פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט. איך האב שוין געזען אסאך כוללים, און איך אליין בין געווען יארן אין כולל, מען טרעפט נישט אזא התמדת התורה ווי ביי אונזערע יונגעלייט.

א גריס פון אייער זון ... נרו יאיר, איך האב פארהערט די וואך זונטאג ביי זיין כיתה; ער קען די משניות כזקן ורגיל, ער לערנט זייער פלייסיג.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**מאכט שלום מיט אייער מאן.**

בעזרת ה׳ יתברך - עש״ק פרשת בשלח - שירה, י״ב שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך מוז אייך זאגן אז איר זענט נישט גערעכט, ווייל אזוי פירט זיך נישט אויף א אידישע פרוי, מען טאר נישט רעדן אזוי צום מאן.

איך בעט אייך, עסט נישט אויף אייער מאנ׳ס קישקעס. אז אייער מאן איז אזוי וואויל צו אייך און גיבט אייך אלעס נאך וואס איר דארפט; ער העלפט אייך, און ער איז באמת א וואוילער איד, וואס דארפט איר אים אזוי אויף עסן די יארן?! עס איז א גרויסע עבירה פאר א פרוי צו פייניגן דעם מאן.

איך בעט זייער, זעט צו מאכן שלום; בעט׳ס אייך איבער יעצט נאך פאר שבת, אז איר זאלט אריין גיין אינעם שבת מיט א פרייליכקייט און מיט שלום.

...

~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**ס'איז שובבי"ם, ווי אזוי קען איך זיך פאררעכטן?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין דורכגעגאנגען זייער א שווערער עבר, איך בין ליידער דורכגעפאלן מיט גאר הארבע עבירות, אפילו אויף איסורי כריתות רחמנא ליצלן, און ב"ה אז מיט אסאך תפלות און אסאך הילף האב איך זוכה געווען ארויסצוקריכן פון די בלאטע, און ווערן א ריינער ערליכער איד.

אזוי ווי מ'האלט יעצט אין די טעג פון שובבי"ם, וויל איך וויסן אויב ס'איז דא א וועג פאר מיר מתקן צו זיין דעם שווארצן עבר, אינגאנצן אפצומעקן די אלע שלעכטע עבירות. איך בין גרייט צו טון אלעס וואס דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר שרייבן, אפילו צו פארן קיין אומאן זאגן תיקון הכללי, זאגן משניות, אדער סיי וואס, אויסער צו פאסטן וואס אויף דעם האב איך נישט קיין כח; אבער איך וויל וויסן אויף זיכער מיט א קלארקייט אז נאכדעם וואס איך האב געטון די אלע זאכן, האב איך מיט דעם שוין אלעס פארראכטן, און ס'איז נישט געבליבן מער קיין זכר פון מיינע שלעכטע מעשים פון אמאל.

יישר כח פאר אלעס, און ספעציעל פאר די אלע בריוו, וואס העלפן אזויפיל טויזנטער אידן איבער די וועלט, יעדער מיט זיינע שוועריקייטן.

לוי

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בשלח, ח' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד לוי נרו יאיר.**

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו האסט אפגעלאזט אלע שלעכטע מעשים און זוכה געווען זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס פאר א שמחה דו האסט גורם געווען אויבן אין הימל מיט דעם וואס דו האסט אפגעלאזט דיינע שלעכטע מעשים; אליהו הנביא זאגט (תנא דבי אליהו רבא, פרק לא): "מֵעִיד אֲנִי עָלַי שָׁמַיִם וָאָרֶץ", די הימל און ערד זענען מיינע עדות, "שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וּמְצַפֶּה לָהֶן לְיִשְׂרָאֵל יוֹתֵר מִמַּה שֶׁמְּצַפֶּה הָאָב לִבְנוֹ וְהָאִשָּׁה לְבַעֲלָהּ שֶׁיַּעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה", אז דער אייבערשטער ווארט אז אידישע קינדער זאלן זיך צוריק קערן צו אים אסאך מער ווי א טאטע ווארט צו זען זיינע קינדער און אסאך מער ווי א פרוי ווארט אויף איר מאן; עס איז נישט דא קיין גרעסערע תענוג און נחת

רוח ביים אייבערשטן ווי ווען א איד טוט תשובה, דער אייבערשטער איז אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

דו שרייבסט אז דו ביסט גרייט צו טון אלעס אויף דער וועלט אפצומעקן דיינע זינד, חוץ איין זאך האסטו נישט קיין כח - צו פאסטן; זאלסטו וויסן אז דער רבי האט געזאגט (עיין חיי מוהר"ן, סימן תצא): "ווער עס ווייסט פון מיר - וואס דארף ער פאסטן, און ווער עס ווייסט נישט פון מיר - וואס העלפט אים פאסטן"; אז מען ווייסט פון די עצות פון הייליגן רבי'ן דארף מען נישט טון קיין שווערע עבודות צו מתקן זיין די פגמים, נאר מען קען אלעס פאררעכטן מיט די זיסע עצה פון רעדן צום אייבערשטן און דערציילן אלעס פאר'ן אייבערשטן. דער רבי האט בפירוש געזאגט אז ווען ער וואלט ווען געוואוסט אין זיינע יונגע יארן צו וואס מען קען צוקומען אז מען רעדט צום אייבערשטן, וואלט ער זיך נישט אזוי געמוטשעט מיט שווערע עבודות, ער וואלט נאר עוסק געווען אין התבודדות; דערפאר זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף דיין שפראך וואס דו ביסט צוגעוואוינט צו רעדן. זאלסט אים אלעס דערציילן, אלעס וואס דו האסט אפגעטון און דיינע יונגע יארן, און אים בעטן ער זאל דאס אלעס אפמעקן - וועט אלעס ווערן אפגעמעקט.

אוודאי און אוודאי זאלסטו זיך אריבער כאפן צום רבינ'ס ציון אין אומאן; דער רבי האט צוגעזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכה): ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און זאגן דארט דעם תיקון הכללי - די צען קאפיטלעך תהילים (קאפיטל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, אפילו ער האט געטון די הארבסטע עבירות, "וועל איך מיר לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט, אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס נעמען פון שאול תחתית"; דערפאר אז דו ווילסט פאררעכטן וואס דו האסט פוגם געווען זאלסטו זיך אריבערכאפן קיין אומאן, וואו דו זאלסט זאגן דעם תיקון הכללי און זיך מתוודה זיין פארן אייבערשטן, דורכדעם וועסטו זוכה זיין אלעס צו פאררעכטן.

מאך זיך א שיעור אין משניות, און אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער אן פארשטיין. דאס וועט אראפ נעמען פון דיר אלע פלעקן און דו וועסט באקומען א נייע נשמה, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל זאגט (טעמי המצוות, פרשת ואתחנן, עמ' צב) אז מִשְׁנָה איז די אותיות נְשָׁמָה.

אויך זאלסטו לערנען יעדן טאג גמרא; דאס וועט אפמעקן פון דיר אלע דיינע עבירות. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ראש השנה, פרק ד, הלכה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", דער אייבערשטער

זאגט פאר אידישע קינדער: "אז איר נעמט אן צו לערנען די היילצגע תורה וועל איך נישט רעכענען אייערע עבירות, איך וועל קוקן אויף אייך כאילו איר האט קיינמאל נישט געזינדיגט פאר מיר".

אז דו ווערסט דאס אלעס מקיים זיין קענסטו זיין זיכער מיט א קלארקייט אז דו האסט אלעס פארראכטן.

...

~~~~~~~~~~

**וואס איז אזוי שלעכט מיט דראגס?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט דארף איך זיך באדאנקען פאר אייערע שיעורים, מיין גאנצע אידישקייט האלט זיך נאר אין אייער זכות. איך הער אלע שיעורים, און אויך מיינע חברים הערן די שיעורים, און מיר זענען זיך זייער מחזק מיט דעם.

איך האב געהערט אויף אייערע שיעורים אז איר רעדט זייער שטארק קעגן דראגס. מיין מצב איז אז איך בין זייער פארקויפט פאר דעם, איך רייכער מאריכוואנא, און ס'איז טאקע אמת אז דאס קאסט מיר אסאך געלט, אבער למעשה איז מיר דאס זייער גוט, איך זע נישט קיין סיבה פארוואס איך זאל וועלן זיך אפלאזן פון דעם.

שלום

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת בשלח, ח' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד שלום נרו יאיר**

דיין בריוו איז איין שטיק סתירה, קודם באדאנקסטו זיך אז דו ביסט זיך מחזק מיט די דיבורים פון הייליגן רבי'ן אבער פון די צווייטע חלק זע איך נישט אז דו ביסט זיך מחזק מיט די דיבורים פון הייליגן רבי'ן; פון דעם אז דו לויפסט זיך פאר'סמ'ען מיט דראגס רחמנא לצלן זע איך אז דו נעמסט נישט דעם רבינ'ס ווערטער פאר התחזקות, ווייל ווען דו וואלסט טאקע אנגענומען די התחזקות פון רבי'ן וואלסטו נישט געלאפן צו דעם השם ירחם.

איך בעט דיר זייער, האב רחמנות אויף דיר און אויף דיינע קינדער; אנטלויף פון דראגס וואס איז סם המות. קוק וואס שלמה המלך זאגט (משלי טז, כה): "יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ, וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת", עס זענען דא זאכן וואס זעט אויס פאר'ן מענטש ווי א גלייכע
~~~~~~~~~~

זאך אבער דער סוף פון דעם איז טויט; דאס איז ממש וואס פאסירט ביים נעמען דראגס, עס זעט אויס אין אנהייב ווי א געשמאקע זאך, עס קען זיך דאכטן אז עס מאכט פרייליך אבער דער סוף איז אז מען פארלירט אלעס.

נאך זאגט שלמה המלך - דער חכם מכל אדם (משלי כג לא-לה): "אַל תֵּרֶא יַיִן כִּי יִתְאַדָּם", גיי נישט נאך רויטע פיינע וויין וואס זעט אויס געשמאק, "כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ", ווייל ווען מען הייבט אן טרינקן וויין, "יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים", ווערן אלע וועגן גלייך; אלע עבירות זען אויס ווי גלייכע וועגן. "אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ", דער סוף פונעם שיכור איז ווי מען כאפט א ביס פון א שלאנג, "וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִשׁ", אדער א ביס פון א גיפטיגע שלאנג וואס שטעכט מיט גיפט, "עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת", דער שיכור הייבט אן קוקן אויף פרעמדע פרויען רחמנא לצלן, "וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת", און מען הייבט אן רעדן פארקערטע זאכן. דאס זעלבע איז מיט דראגס, מען פארלירט אלע הרגשים און מען פארלירט אינגאנצען דעם מח. "וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב יָם", דער שיכור, און אזוי אויך דער מענטש וואס נעמט דראגס - שפירט זיך ווי א מענטש וואס ליגט אויפן וואסער, "וּכְשֹׁכֵב בְּרֹאשׁ חִבֵּל", און אזוי ווי דער וואס ליגט אויפן שיף וואס שאקלט זיך. און ווען דער שיכור ניכטערט זיך אויס, זאגט ער "הִכּוּנִי בַל חָלִיתִי", מען האט מיר טאקע געשלאגן אבער עס טוט נישט וויי, "הֲלָמוּנִי בַּל יָדָעְתִּי", מען האט מיר אנגעקלאפט אבער איך האב עס נישט געשפירט. "מָתַי אָקִיץ אוֹסִיף אֲבַקְשֶׁנּוּ עוֹד", ער פרעגט: "ווען וועל איך שוין אויפשטיין און גיין טרינקען נאך וויין?"

עס איז כדאי דו זאלסט זיך מאכן א שיעור אין ספר משלי; ספר משלי האט אין זיך איין און דרייסיג פרקים, אז דו וועסט לערנען יעדן טאג א פרק וועסטו עס מסיים זיין יעדן חודש. נאכן לערנען ספר משלי וועסטו שוין נישט פרעגן אזא נארישע קשיא: 'וואס איז שלעכט מיט דראגס?' ווייל דו וועסט זען די סוף פונעם מענטש וואס געוואוינט זיך צו צו שלעכטע געוואוינהייטן.

ענדערש טרינק זיך אן מיט אונגארישע וויין, די יין המשומר פון הייליגן רבי'ן; דאס מאכט פרייליך דעם מענטש און עס נעמט אוועק פון אים אלע צער און עגמת נפש. איינמאל דער מענטש איז טועם פון רבינ'ס ווערטער קען מען אים שוין נישט אפנארן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רס): "ווער עס האט געטרינקען אונגארישע וויין, דעם קען מען שוין נישט פארנארן".

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף דיר זאלסט באקומען שכל און אויפהערן נעמען סם.

...

~~~~~~~~~~~

## וואס טו איך אז מיין זון האט נישט קיין נארמאלע סדר היום?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א פרוי, איך האב א זון אין די דרייסיגער יארן, וואס ער האט זיך ליידער גע'גט, און ער וואוינט ביי מיר אינדערהיים.

איך בין זייער צופרידן פון זיין התנהגות, און איך האף אז ער וועט טרעפן זיין ריכטיגער זיווג בקרוב, עס שטערט מיר אבער זייער שטארק אז ער שטייט אויף יעדן טאג זייער שפעט, ער האט א צעפארענער סדר, און איך האב מורא אז דאס וועט אים זייער שטארק שטערן פאר שידוכים, ווער וועט דען וועלן נעמען איינעם וואס האט נישט קיין נארמאלער סדר היום?

וואס קען איך טון דאס צו פאררעכטן, אים צו שטעלן נארמאל אויפ'ן פלאץ?

יישר כח

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בשלח, ח׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי׳**

אז איר ווילט העלפן אייער זון, זאלט איר אים גארנישט זאגן; נישט נאר איר זאלט אים נישט קריטיקירן, נאר איר זאלט פרובירן מיט אלע אייערע כוחות צו קוקן אויף אים מיט א גוט אויג. קוקט נאר אויף זיינע גוטע זאכן וועט איר האבן אסאך נחת פון אים.

עס איז זייער וויכטיג פאר קינדער זיי זאלן שפירן אז זייערע עלטערן האלטן פון זיי; אז א קינד שפירט ווי זיינע עלטערן האלטן נישט אזוי שטארק פון אים ברענגט דאס אז ער זאל זיך נישט וועלן פארבעסערן וכו׳. דעריבער איז זייער וויכטיג מען זאל קוקן אויף קינדער מיט א גוט אויג, זיי זאלן שפירן ווי מען טראסט זיי, און איינמאל קינדער שפירן אז די עלטערן האבן טראסט אין זיי וואקסן זיי אויף לשם ולתפארת. דערפאר זאלט איר פרובירן מיט אלע אייערע כוחות צו קוקן נאר אויף זיינע גוטע חלקים, וועט דאס אים געבן כח צו וועלן און פרובירן בעסער צו ווערן.

בנוגע דאס וואס ער שטייט אויף שפעט וכו׳; איר זאלט נישט זיין באזארגט אויף דעם, ווייל דאס קומט נישט פון שלעכטיקייט נאר דאס קומט פון זיין איינער אליין וכו׳. דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו טון מיט תלמידים שוין איבער פיפצן יאר; איך האב געזען ביי אסאך תלמידים ווי זיי פלעגן זיך זייער מוטשען מיט'ן אויפשטיין
~~~~~~~~~~~

אינדערפרי, גארנישט האט זיי געקענט מאכן אויפשטיין, ביז זיי האבן געטראפן זייער זיווג, און ווען זיי האבן חתונה געהאט האבן זיי זיך זייער שיין מסדר געווען.

אזוי וועט זיין מיט אייער זון, ווען ער וועט טרעפן זיין זיווג וועט ער זיך שיין מסדר זיין, אבער ביז דעמאלט דארפט איר רחמנות האבן אויף אים און אים נאר געבן ליבשאפט. דאנקט דעם אייבערשטען אז ער פירט זיך ערליך, און עס זאל אייך בכלל נישט אנגיין אז ער שטייט אויף שפעט; קוקט׳ס נישט אויף דעם, דאס קומט פון צעבראכענקייט - פון זיין אליין, און איינמאל ער וועט טרעפן זיין זיווג וועט ער אויפשטיין צייטליך.

איך ווארט צו הערן פון אייך בקרוב אז אייער זון האט געטראפן זיין שידוך; ער וועט אייך אם ירצה ה׳ ברענגען נאר נחת.

ד..

~~~~~~~~~~~

## דער אייבערשטער האט מיר נאכאלץ ליב?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר אלע שיעורים און חיזוק און פאר אלעס.

איך בין א מיידל, און ליידער האב זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, איך האב געטון זאכן וואס טויגן נישט, וויל איך וויסן אויב דער אייבערשטער האט מיר נאכאלץ ליב.

יישר כח

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת בשלח, ח׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

... תחי׳

מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס תשובה איז, אזוי ווייט אז די הייליגע חכמים זאגן (תנא דבי אליהו רבא, פרק כב) דער אייבערשטער זאגט: ״אֲפִילּוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ - וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ״, אפילו א מענטש האט געזינדיגט און געטון איבער הונדערט עבירות, אויב טוט ער תשובה האב איך רחמנות אויף אים און איך נעם אן זיין תשובה, ״וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם״, און אפילו א מענטש איז אזוי ווייט אוועק געפאלן אז ער רעדט אנטקעגן דעם אייבערשטן רחמנא לצלן, אויב טוט ער תשובה איז אים דער אייבערשטער מוחל און האט אים ליב.
~~~~~~~~~~~

אז איר ווילט תשובה טון זאלט איר דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס איר האט געטון; אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (פרק א מהלכות תשובה, הלכה א): אויב מען האט עובר געווען אויף איינע פון די מצוות פון די תורה, בשוגג אדער במזיד, דארף מען זיך מתוודה זיין צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (במדבר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווי אזוי איז מען זיך מתוודה? זאגט דער רמב"ם, מען זאל זאגן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וְכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", איך בעט דיר אייבערשטער, איך האב געזינדיגט פאר דיר, איך האב געטון די און די עבירה און איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטון, איך שעם זיך מיט מיינע מעשים וואס איך האב געטון און איך נעם זיך פאר אז איך גיי עס מער קיינמאל נישט טון - דאס איז וידוי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", און ווער עס פארמערט זיך צו מתוודה זיין פארן אייבערשטן, דער איז געלויבט.

אויב איר וועט תשובה טון, איר וועט זיך מתוודה זיין אויף אייערע זינד, וועט דער אייבערשטער אייך פארגעבן אויף אלעס און אייך ווייטער ליב האבן.

...

~~~~~~~~~~

**מיין שטיף טאטע הרג'ט מיין לעבן מיט'ן סמארטפאון.**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מיידל פון ארץ ישראל, איך האב געזען דעם ניגון פונעם ראש ישיבה שליט"א וואו עס ווערט גוט אראפגעלייגט ווי אזוי א טאטע איז פארנומען מיט זיין סמארטפאון און ער האט נישט קיין צייט און געדולד אויסצוהערן זיין קינד וואס וויל דערציילן זאכן פון חדר.

איך האב געוויינט ווען איך האב דאס געזען, ווייל דאס איז וואס קומט פאר ביי מיר אינדערהיים. מיין מאמע האט חתונה געהאט נאכאמאל, און מיין שטוף טאטע האט געקויפט א טייערע סמארטפאון פאר מיין מאמע, און דארט האט זיך מיין לעבן געענדיגט, ס'איז נישטא מער ווער ס'זאל מיר אויסהערן, איך האב מער נישט צו וועם צו רעדן.

איך שפיר ווי איך גיי ממש אראפ פון זינען פון גרויס צער, אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר מחזק זיין?

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת בשלח, ט׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן מיט אלע אייערע כוחות; אפילו איר גייט אריבער זייער ביטערע יסורים פון אייערע עלטערן וכו׳, איר שפירט זיך איינער אליינס און אייער צער איז זייער גרויס, זאלט איר אבער וויסן אז דער אייבערשטער הערט אייך אויס; ער ווארט אז איר זאלט רעדן צו אים, און ער וועט אייך געבן אלעס וואס איר בעט אים.

דער אייבערשטער פאררופט זיך מיטן נאמען: ״אֲבִי הַיְתוֹמִים״, דער טאטע פון די יתומים. אויף דעם זאגן אונז חכמינו הקדושים (שמות רבה ל, ח) רבי יוסי זאגט: פארוואס האט דער אייבערשטער ליב יתומים און אלמנות? ״אֶלָּא שֶׁאֵין עֵינֵיהֶם תְּלוּיוֹת אֶלָּא בּוֹ״, ווייל זיי האבן נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, דערפאר ווענדן זיי זיך נאר צו אים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים סח, ו): ״אֲבִי יְתוֹמִים וְדַיַּן אַלְמָנוֹת״, דער אייבערשטער איז דער טאטע פון די יתומים און נעמט זיך אן פאר אלמנות; זעט מען אז דער אייבערשטער האט ליב די מענטשן וואס האבן קיינעם נישט אויף דער וועלט.

בפרט קינדער וואס זייערע עלטערן האבן זיך געג׳גט לא עלינו, אדער קינדער וואס די עלטערן זענען צעטיילט וכו׳ וכו׳ אויף זיי איז זייער א גרויסע רחמנות, ווייל זיי האבן נישט צו וועם צו רעדן; אויף זיי האט דער אייבערשטער זייער שטארק רחמנות און הערט צו זייער וויי געשריי.

דעריבער בעט איך אייך, נעמט אן די עצה פון הייליגן רבי׳ן וואס האט אונז געגעבן אזא שיינע מתנה וואס הייסט ׳התבודדות׳; איר זאלט גיין אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און זיך אויס רען אייער הארץ צום אייבערשטן. פארציילט אים אייער ווייטאג, זאגט׳ס אים אז איר שפירט זיך איינער אליין; איר האט נישט קיין טאטע און יעצט האט אייער מאמע חתונה געהאט, און אלץ רעזולטאט שפירט איר זיך איבעריג אין שטוב וכו׳ וכו׳. אז איר וועט רעדן צום אייבערשטן אויף אייער שפראך וועט זיך עפענען פאר אייך א נייע לעבן; איר וועט אנהייבן שפירן עפעס וואס איר האט נאך קיינמאל בעפאר נישט געשפירט, איר וועט אנהייבן לעבן א גוטע לעבן.

איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואס די מעשה וועט אייך שטארק צוניץ קומען אין אייער לעבן. דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו איז געבוירן געווארן ווען זיינע עלטערן זענען געווען זייער אלט, ער האט קיינמאל נישט געקענט זיין מאמע

נאכדעם וואס זי איז נפטר געווארן בשעת זי האט אים געבוירן. ווען דער בעל שם טוב איז אלט געווען פינף יאר האט אים זיין טאטע גערופן און געזאגט בזה הלשון: **"ישראל'יק, איך גיי יעצט אוועק פון דער וועלט כדרך כל הארץ, איך בעט דיר זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם! דו ביסט נישט אליין; דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר"**, און דערנאך איז ער נפטר געווארן.

דער בעל שם טוב - אלט זייענדיג פינף יאר - האט זיך געטראפן איינער אליינס אין א גרויסע וועלט - אן א טאטע און אן א מאמע. ער האט אבער שטענדיג געדענקט זיין טאטע'ס לעצטע ווערטער: **"ישראל'יק, זאלסט נישט מורא האבן פון קיינעם! דו ביסט נישט אליין; דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר"**, אזוי איז ער אויפגעוואקסן, און וואס ער האט נאר געדארפט האט ער געבעטן דעם אייבערשטן.

דאס זאלט איר אויך געדענקען אייער גאנץ לעבן, זאג'ט זיך עס אליינס: **"איך בין קינמאל נישט אליין, דער אייבערשטער איז דא מיט מיר, ביי מיר און נעבן מיר"**; וואס איר דארפט זאלט איר פון אים בעטן, און וואס עס שטערט אייך זאלט איר אים דערציילן; וועט אייך גוט זיין און איר וועט לעבן א פרייליכע לעבן.

איר דארפט פארשטיין אייער מאמע אז זי האט חתונה געהאט; איך ווייס אז דאס איז אייך זייער שווער און עס שטערט אייך, איר שפירט ווי דער שטיף טאטע נעמט איר אוועק פון אייך וכו'. איר דארפט אבער געדענקען אז פאר אייער מאמע איז שווער צו זיין אליינס; קיינער וויל נישט זיין אליינס, איר ווילט אויך נישט זיין אליינס. איר וועט אויך אם ירצה ה' בקרוב זיך בויען א היים ווען איר וועט טרעפן אייער ריכטיגער זיווג, זאלט איר נישט ווייטון אייער מאמע. איר זאלט שעצן איר מאן און אים מכבד זיין.

אין זכות פון כיבוד אם וועט איר זוכה זיין צו טרעפן אייער זיווג בקרוב.

ד..

~~~~~~~~~~

### ווי אזוי ווייס איך אויב איך וועל זיין ערליך נאך די חתונה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין ב"ה א חתן געווארן בשעה טובה ומצלחת, און אזוי ווי איך הער פון אייך כסדר אז א בחור פאלט אלץ אראפ אין עבירות, און די עצה דערצו איז נאר חתונה צו האבן, פריי איך זיך אז איך האלט שוין דא ברוך ה'.
~~~~~~~~~~

פון די אנדערע זייט זע איך בריוו פון אינגעלייט וואס זיי רעדן זיך אפ אז זיי פאלן ווייטער אראפ, אויך נאך די חתונה. אפשר קענט איר מיר קלאר מאכן וואס דער אמת איז? וואס איז דער ריכטיגער וועג חתונה צו האבן אז מ'זאל טאקע מער נישט צוריק פאלן אין שלעכטע זאכן?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בשלח, י׳ שבט, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד החתן ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאנק דעם אייבערשטן אז דו גייסט שוין חתונה האבן, ווייל יעצט וועסטו קענען דינען דעם אייבערשטן בטהרה.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט פאר א בחור: **״אַז דוּ וֶועסְט חַתוּנָה הָאבְּן און דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן דוּ בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועל אִיךְ דִיר גְלֵייבְּן, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַ בָּחוּר און מִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט גְלֵייבְּן״**; אז מען האט חתונה קען מען זיך גרינגער שלאגן מיט'ן יצר הרע. אזוי ווי דער הייליגער רמב״ם זאגט (פרק כב מהלכות איסורי ביאה, הלכה כא): **״וְלֹא יֵשֵׁב בְּלֹא אִשָּׁה, שֶׁמִּנְהָג זֶה גּוֹרֵם לְטָהֳרָה יְתֵרָה״**, אז מען האט חתונה ברענגט דאס צו טהרה.

איז יעצט ווען דו גייסט חתונה האבן בשעה טובה ומצלחת זאלסטו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נס אז דו האסט זוכה געווען צו טרעפן דיין זיווג, אזוי וועסטו שוין קענען זיין אפגעהיטן פון שלעכטס.

דאס מיינט נישט צו זאגן אז ווען מען האט חתונה פארלירט מען דעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע לאזט נישט אפ דעם מענטש א גאנץ לעבן. מען דארף זיך היטן פון אים ווי מען היט זיך פון פייער; יעדן טאג קומט ער מיט פרישע נסיונות און פרישע קאפדרייעניש און אז מען היט זיך נישט די אויגן איז גאר ביטער; אז מען האלט זיך קלוגער פון אלע ערליכע אידן און מען האט א קאמפיוטער, סמארטפאון, טעבלעט וכדומה, מיט אפענע אינטערנעט איז נאך די חתונה אויך זייער ביטער. מען רעדט אז דער מענטש טוט אלעס וואס ער קען זיך צו היטן, איז נאך די חתונה גרינגער זיך צו מתגבר זיין אויף דעם יצר הרע.

דער עיקר זאלסטו אכטונג געבן נישט אויסצושטעלן דיין לעבן מיט חומרות ופרישות, וואס דאס איז א פארשטעלאכטס פונעם יצר הרע. ער רעדט איין דעם מענטש ער זאל זיך אפשיידן וכו׳ און נאכדעםווארפט ער אים אראפ אין עבירות רחמנא לצלן.

געדענק וואס דער גרויסער צדיק הרב הקדוש רבי אברהם בן רבי נחמן מטולטשין זכרונו לברכה (בעל מחבר ספר "באור הלקוטים") פלעגט זאגן - ווען מען פלעגט אים בעטן הדרכות של בינו לבינה וכו': "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת", געבט אכטונג נישט נכשל צו ווערן אין קיין שום הלכה, אבער ווען מען מעג, מעג מען אלעס וכו'; און מען זאל זיך נישט מבלבל זיין פון קיין שום זאך אויף דער וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט גיין אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת, און זאלסט זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל.

...

~~~~~~~~~~~

## וואס קען איך טון געהאלפן צו ווערן מיט קינדער?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר אלע חיזוק און עצות, איך האב שוין געענדיגט פינף מאל משניות, און איך לערן יעדן טאג אפאר בלאר גמרא, אלעס א דאנק די הערליכע שיעורים.

ס'איז שוין אריבער צען יאר פון מיין חתונה, און איך האב נאכנישט זוכה געווען צו קינדער, וואס קען איך טון דערצו? זאל איך גיין צו מוהרא"ש'ס ציון אויף די יארצייט מיט מיין ווייב? אדער זאל מיין ווייב טון די סגולה פון מקוה מלכה אין יבנאל? זי איז שוין דארט געווען צוויי יאר צוריק, אבער דערווייל זענען מיר נאכנישט געהאלפן געווארן.

יישר כח, יעקב

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת בשלח, י' שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד יעקב נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער פארליר זיך נישט; מיר האבן א גרויסער באשעפער וואס אין זיינע הענט ליגט דער שליסל פון קינדער. בעט ווייטער דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ב.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא נִמְסְרוּ בְּיַד שָׁלִיחַ", דריי שליסלעך ליגן נאר אינעם אייבערשטנ'ס הענט, און איינע פון זיי איז די שליסל פון קינדער וואס איז נישט איבערגעגעבן געווארן
~~~~~~~~~~~

פאר קיינעם, עס ליגט נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט; זאלסטו ווייטער מתפלל זיין אויף קינדער.

אז דו קענסט גיין קיין יבניאל צום ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו זאלסטו אודאי גיין און דו וועסט דארט זען וואונדערליכע זאכן; מוהרא"ש שרייבט אין זיין צוואה (צוואת מוהרא"ש, סימן ה): "וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יְדֵי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה", אזוי ווי ווען איך האב געלעבט זענען דורך מיר נתעורר געווארן מענטשן תשובה צו טון, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאִי אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אזוי אויך נאכדעם וואס איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט, ווען מען וועט קומען צו מיין קבר וועט מען אויך נתעורר ווערן צו תשובה טון, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", און איך וועל נישט רוען ביז איך וועל פועל'ן פאר דעם מענטש וואס איז געקומען צו מיר א ישועה.

אזוי אויך זאל דיין ווייב טון נאכאמאל די סגולה פון מקוה מלכה; מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט טון די סגולה פון מקוה מלכה וועט האבן קינדער. און מוהרא"ש האט זיך אויסגעדרוקט: "אפילו א בוים וואס קען נישט האבן קינדער, אויב וועט מען טון די סגולה וועט מען האבן קינדער"; איך האב תלמידים וואס האבן נישט געהאט קיין קינדער פאר לאנגע יארן און זיי זענען געפארן קיין יבניאל און זיי זענען געהאלפן געווארן נאטורליך מיט ליכטיגע קינדער.

אזוי אויך זאלסטו געדענקען אז ווען א צדיק געבט אן הבטחה אדער א ברכה דארף מען האבן סבלנות אויסצואווארטן די ישועה און נישט אפלאזן די אמונה. אזוי ווי מיר געפונען אין די מעשה (סיפורי מעשיות, מעשה ה' פון דער בן מלך וואס איז געווען פון אבנים טובות) דער צדיק האט צוגעזאגט פארן קעניג אז ער וועט האבן א קינד וואס וועט זיין פון אבנים טובות, למעשה האט דער קעניג געהאט א קינד אבער מען האט נישט געזען אז ער איז פון אבנים טובות. שפעטער - פארציילט דער רבי - פלעגט דער צדיק שטענדיג דאווענען צום אייבערשטן, אז ער האט דאך צוגעזאגט פארן קעניג אז דער זון זאל זיין פון אבנים טובות און עס איז נישט מקוים געווארן, ער האט גע'טענה'ט צום אייבערשטן: "האב איך דאס דען געטון פאר מיין כבוד וועגן? איך האב דאס דאך געטון נאר פאר דיין כבוד וועגן, און עס איז נאכאלץ נישט מקוים געווארן", זעט מען אין די מעשה אז ווען דער צדיק זאגט צו א ברכה און ער גיבט אן הבטחה בעט ער ווייטער דעם אייבערשטן דערויף, און דער מענטש דארף אויסווארטן אויף די סגולה.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי האט מען זיך צוריק אויפגעבויעט, נאך די ביטערע צווייטע וועלט קריג?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

דער ראש ישיבה האט מיר דערציילט אז ער האט געליינט דעם ספר "גור אריה יהודה", פון מיין זיידע רבי יודל ראזענבערג ע"ה, און דער ראש ישיבה האט הנאה געהאט צו זען ווי אזוי ס'האט זיך געבויט די סאטמארע מוסדות אין די ערשטע יארן אין אמעריקא.

וויל איך בעטן אויב דער ראש ישיבה קען אביסל מער מאריך זיין וואס מ'קען ארויסנעמען פון דעם? און אויך ווי אזוי האבן זיי טאקע מצליח געווען אנצופאנגען פון פריש נאך אזא גרויסע חורבן רחמנא ליצלן, אן קיין געלט און אן קיין מענטשן?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בשלח, י"א שבט, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט שייך אראפצושרייבן דאס גרויסקייט פון די אידן פונעם פריערדיגע דור וואס זענען אריבער דעם ביטערן קריג. נאכדעם וואס זיי האבן אלעס פארלוירן, זייער גאנצע משפחה, און זיי האבן זיך געטראפן נאכן קריג 'אחד מעיר, ושנים ממשפחה' - טראץ דעם גרויסן חורבן וואס זיי האבן צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן האבן זיי נישט געקוקט אויף גארנישט נאר צוריק אויפגעשטעלט מיט מסירות נפש א נייע דור פון אידישע קינדער.

מיר קוקן זיך אן ווי מיר ווערן אזוי צעפאלן ווען עפעס גייט נישט אזוי ווי מיר ווילן, פון יעדע קלייניקייט ווערן מיר ממש אויסער זיך און מען איז מלא טענות אויף יעדע קלייניקייט וכו', בשעת וואס די אידן פונעם פריערדיגן דור האבן געהאט אויף וואס צו וויינען און קרעכצן, און מיט דעם אלעם האבן זיי נישט געקרעכצט און געוויינט נאר געטון למעשה, אנגעהויבן פונדאסניי אויפצושטעלן א נייעם דור פארן אייבערשטן.

איך האב געליינט אינעם ספר "גור אריה יהודה", וואו עס איז באשריבן אז ווען דיין זיידע ר' יודל עליו השלום האט געהערט אז דער רבי זכותו יגן עלינו איז נפטר געווארן, וואס דעמאלט זענען ווי פארשטענדליך אלע געפארן צו דו לויה קיין קרית
~~~~~~~~~~

יואל, האט ער געזאגט: "איך בלייב אין קעמפ מיט די קינדער, איך וויל נישט איבערלאזן די קינדער"; דאס האט מיר זייער באנומען. ווייל פון איין זייט איז ער דאך געווען פון די געטרייסטע תלמידים ביים רבי'ן, ער איז געווען דער ערשטער מלמד פון די סאטמאר'ע חדר, ביי אים אין שטוב האט מען געעפנט די חדר מיט זעקס קינדער.

הגם היינט קוקט מען אן די מוסדות פון סאטמאר בלי עין הרע ווי עס באשטייט פון צענדליגער טויזנטער קינדער כן ירבו, אבער ווען עס האט זיך אנגעהויבן איז דאס געווען זייער שווער; ווען דער רבי האט אים געבעטן צו זיין מלמד האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז ער האט נישט קיין גמרא, האט אים דער רבי געגעבן א גמרא פון זיין פריוואטע ש"ס וואס איז געווען אריין געשריבן דעם נאמען פונעם הייליגן קדושת יו"ט זכותו יגן עלינו, א "מסכת ביצה יומא סוכה". עס איז נישט געווען קיין פלאץ וואו צו מאכן די חדר, האט אים דער רבי געזאגט אז ביז דערווייל זאל ער מאכן די חדר ביי זיך אין שטוב. דער רבי האט אים צוגעזאגט אז ער וועט אים באצאלן יעדע סוף וואך, און איינמאל האט אים דער רבי געזען דאנערשטאג אין שול, דיין זיידע איז נישט צוגעגאנגען בעטן זיין געהאלט פונעם רבי'ן, נאר דער רבי איז צו אים צוגעגאנגען און געזאגט: "גלייב מיר, איך האב נאך נישט פאר מיר אליינס אויף שבת"; אזוי האט ער געבויט דעם חדר און די קעמפס מיט אזא מסירות נפש.

עס האט מיר אויך זייער באנומען צו ליינען וואס דיין באבע האט דערציילט, אז ווען דער רבי האט געזאגט פאר דיין זיידע: "איך וויל האבן א קעמפ", איז דיין זיידע אהיים געקומען און איר געזאגט: "איך גיי מאכן א קעמפ", האט זי אים אנגעקוקט מיט וואונדער: 'ווי? וואס? ווען? דו גייסט מאכן א קעמפ?! ווי אזוי גייסטו מאכן א קעמפ?!' (דא רעדט מען נישט פון עפעס אן עושר וכו', דא רעדט מען פון א מענטש וואס האט קוים געהאט פאר זיך צו לעבן) האט ער אויפגעהויבן זיינע צען פינגער און איר געזאגט: "אז דער רבי האט מיר געזאגט ער דארף א קעמפ וועל איך עס בויען מיט מיינע צען פינגער".

מיט דעם אלעם, ווען עס איז געווען די פטירה פון רבי'ן האט ער געזאגט פאר אלעמען אז ער פארט נישט צו די לוי' נאר ער בלייבט מיט די קינדער זיי ווייטער מחנך זיין.

זעט מען פון דעם וואס הייסט א געטרייער מחנך פאר אידישע קינדער, אז ער לאזט נישט אפ די קינדער אפילו פאר די חשוב'סטע זאך. אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (פרק ב' מהלכות תלמוד תורה, הלכה ב'): "וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", מען טאר נישט מבטל זיין קינדער פון לערנען תורה אפילו מען דארף זיי האבן צו העלפן בויען

דעם בית המקדש, און דער רמב"ם זאגט דאס איבער נאכאמאל (פרק א' מהלכות בית הבחירה, הלכה יב): "וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לַבִּנְיָן", מען טאר נישט שטערן די קינדער פון לערנען אפילו מען דארף זיי האבן צו בויען דעם בית המקדש; לכאורה פארוואס שרייבט דער רמב"ם די הלכה נאכאמאל אין הלכות בית הבחירה? זאגן צדיקים אז חוץ פון די הלכה אין הלכות תלמוד תורה - אז קינדער דארפן לערנען און טארן זיך נישט מבטל זיין פאר גארנישט, איז דאס אויך א דין אין בויען דעם בית המקדש; אונז צו ווייזן אז דער בית המקדש קען נישט געבויט ווערן נאר אז די קינדער זיצן און לערנען. מיט דעם וואס מען לערנט מיט קינדער, דאס אליינס העלפט אז דער בית המקדש זאל אויפגעבויט ווערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אויך האבן א חלק אין אויפבויען אידישע קינדער צום אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~